דאס ליבלינג-פּאָרל קאמינסקא — טורקאָוו אין ראדאָם.

„Radomer-Kielcer Leben" 50 (390) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טער יאהרגאנג 1931 25

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

הײנט ניט ד׳ײנט.

Radom, dnia 25 grudnia 1931 r.

ראדאם, פרייטאג כ״ו טבת תרצ״ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אבאָנעמענט-פּרייז:

אין מיליטערער שורה אויף טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאָכ׳ן „ 25 „

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפּאלטען
אין טעקסט 4 „



ב״ה

ברכת מזל טוב לכבוד ידידי היקר עסקן צבורי

מר זאב נ״י קלוסקי. יושב ראש שלטון הקהלה בעירנו,

לחתונת בתו שתחי׳

ירוה מהזוג עונג ונחת סלה.

ידידו אברהם אבלי הכהן ראפאפארט

אבד״ק קיעלץ.



Panu **Izakowi Tyniewickiemu**

sekretarzowi Gimnazjum Tow. „PRZYJACIÓŁ WIEDZY"

oraz RODZINIE

składają wyrazy serdecznego współczucia z powodu śmierci

b. p. **MATKI Jego**

*Zarząd, Dyrekcja
i Grono Nauczycielskie Gimn.
Tow. „Przyjaciół Wiedzy"*



קינאָטעאטער „ראָזמאַיטאָשטשי"

נאָר 2 גאַסטשפּילען פון וועלט-בעריהמטען קינסטלער-פּאָרל

גײַגדער און לייטער פון וו. י. ק. ט.

# אַדאַ קאַמינסקאַ און זיגמונד טורקאָוו

מיט זייער אנסאמבל

| | |
|---|---|
| פרייטאג דעם 25 ד. מ. | שבת דעם 26 ד. מ. |
| דאָס געשריי: געוויסן | ווען דער טייוול לאכט |
| סענסאַצ. פּיעסע אין 3 אקטן. | פּיעסע אין 3 אקטן פון סאַפּיא ביעלאיא |

אנפאנג 8<u>30</u> אווענט ■ בילעטען שוין צו בעקומען אין טעאטער-קאַסע.



דאס בעוויסטע וואורשטען-געשעפט

## רעשקע און שמואל סאנקעוויטש

מאכט בעקאנט

אז דער וואורשט, בריסט, לעקער און קישקעלעך

וועלכע ווערען אויסגעארבייט פון די בעסטע פלייש

זענען צו בעקומען צו פאלגענדע פרייזען

| | | | |
|---|---|---|---|
| 10 דק. | בריסט מיט לעקער | 60 | גר. |
| 10 „ | טריקענעם וואורשט | 50 | „ |
| 10 „ | סאלאמען — — | 50 | „ |
| 10 „ | אפשניט — — | 40 | „ |
| 10 „ | פרישען וואורשט | 30 | „ |
| 1 | פּאר פּארובקעס — — — | 1 | „ |

גאָך וואָס ואלט איהר קויפען און גישט אפּיציעלע געוועלבער דאָן ווען איהר בעקומט דאָס בעסטע און רעיעלסטע אין דעם דערמאָנטען פּאַפּולערען און אנערקענטען וואורשטען געשעפט.

די פליישען בעציהען מיר פון דעם איבעראל-בעקאנטען פלייש-הענדלער

ה׳ יחיאל ישעי׳ רוטמאן אין נישט פון פרעמדע שחיטה

מיט אכטונג רעשקע-סאנקיוויטש



78 b



*Racjonalnie zakupywać*

jest niemałą sztuką. Przezorne i doświadczone gospodynie radzą: „kupować wyroby nie najdroższe i nie najtańsze, nie płacić za bezwartościowe opakowanie, a kupować tylko wyroby solidnych i znanych firm". — Wszystkim tym wskazówkom odpowiada w zupełności słynne, aromatyczne, nieopakowane, zawierające glicerynę mydło „Kollontay z pralką". — Proszę pamiętać o tem, Szanowna Pani, przy następnym zakupie.



mydło z pralką

*Kollontay*

jest lepsze.......

**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.**

General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski

DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE

ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.

# ווי פערדינען יודען אין ראדאם.

## וואס זאגט א בוכהאלטער?

לאמיר הערען. וואס זאגט א בוכהאלטער?

— בוכהאלטארען זענען פערהאן אזעלכע וואס ארבייטען דעם גאנצען טאג אין א פירמע, אדער ביורא; אזעלכע וואס ארבייטען אינגאנצען נישט, מחמת לויט דעם חיפיל עס נויטיגט זיך אונזער שטאדט אין בוכהאלטארען, איז זייער צאהל צו גרויס; דא דארף מען אויך נעמען אין אכט די ספעציפיש-פסיכאלאגישע שטימונג מיט וועלכער א בוכהאלטער אלס אנגעשטעלטער זיצט אויף זיין פאסטען; ביי היינטיגער צייט ווען צוליב'ן קריזיס זענען געצווינגען צו ליקווידירען די גרעססטע פירמעס און אלץ-נייע אונטערנעמונגען האלטען אין איין קראכען איז פערשטענדליך די שטימונג פון בוכהאלטער-אנגעשטעלטען; מען ארבייט אין א שרעקפולער שטימונג, צי היינט, מארגען וועט זיך די פירמע נישט געפונען אין א אויסגאנג'סלאזער לאגע און וועט מוזען אונטערגעהן, צוזאמענדיג גלייכצייטיג ביים בוכהאלטער זיין פאסטען.

— ווי זעהען אויס די געהאלטען אין אייער פאך און ווי צאהלט מען?

— מען צאהלט ווייניג, די געהאלטען זענען רעדוצירט און מען צאהלט אפילו מיט וועקסלען, וועלכע מען האט נישט וואו אבצוזעצען, אדער דיסקאנטירען.

— צי פיהלען נישט די עלטערע בוכהאלטארען די קאנקורענץ מצד ניי צוגעקומענע פרישע בוכהאלטארען?

— קיין שום פראגע נישט; יעדער איינער וויל פערשטעהט זיך א געניטען, ערפאהרענעם בוכהאלטער, אבער די ניי-צוגעקומענע ארבייטען אינגעוועהנליך ביליג און אזעלכע קימען צו אלץ מעהר און מעהר און דער שארען וואס זיי ברענגען די עלטערע לאזט זיך גאר שטארק פיהלען.

דאס איז אלץ, וואס דער בוכהאלטער האט מיר געהאט צוזאגען.

### וואס זאגט א שילדען-מאלער?

דער שילדען-מאלער מיט יועלכען איך האב פערבינדען א שמועס וועגען צושטאנד אין דאזיגען פאך, האט אנגעהויבן זיין געשפרעך פון סוף, פון דער רעזומע: עס איז שלעכט, דאס פאך געהט טריט נאך טריט צום אונטערגאנג.

— מיט וואס לאזט זיך דאס ערקלערען?

— פשוט, מיט'ן קריזיס; אין די גוטע צייטען, אז א שילד פלעגט ווערען אלט און אבגעריבען, פלעגט מען איהר געבען איבערמאלען; בכלל פלעגט מען לענען פול אכט אויף שילדען, איבערמאלען, מאכען נייע, שענערע און מען פלעגט חוץ שילדען אויך לאזען מאלען ספעציעלע רעקלאמעס, ווייל דער האנדעל, דער מסחר האט געבליהט און מען האט אלץ געזוכט אויך מיט דער אויסערליכער זייט פון געשעפט ווי געהעריג זיך צו רעפרעזענטירען; אבער אז די געשעפטן האבען אנגעהויבן געהן בארג-אראב, האט מען אויפגעהערט צו פערשענער'ען זיך די שילד, מ'האט זיי אנגעהויבען איבערמאלען... אויף די ווייבער'ס נעמען, און היינט ווערט דאס לעצטע מיטעל אויך שוין נישט אנגעווענדעט.

— צי בעשטעהט אייער ארבייט בלויז אין מאלען שילדען?

— פערשטעהט זיך, אז נישט נאר דאס. אין די גוטע יאהרען פלעגט מען אויף די אפטע אחעגדען אין בעלער לאזען מאלען ספעציעלע דעקאראציעס און פון דעם פלעגט מען אויך פערדינען נישקשה.

דער שילדען-מאלער פערענדיגט אזוי:

— אין אונזער פאך איז זעהר שלעכט, דאס פאך שטעהט ערב אינטערגאנג און מ'זעהט נישט, וואס עס זאל איהם קענען ראטעווען. פ.

GAZOWNIA
MIEJSKA
פערקויפט
הורט און דעטייל
פרעפארירטע סמאלע — קארבאלינעאום
גראבען און דראבנם קאקס
צו זעהר ביליגע פרייזען
פיהרט אויס
גאז-אינסטאלאציעס און הויז בעלויכטונג
באד אייוועלער
קיכלעך צו קאכען
אייוועלעך צו הייצען
ווענדען בעדארף מען זיך
Gazownia Miejska
Młodzianów — Tel. 1134, — Skrz. p. 28.

נישט געווען גראד אין דערהיים, ער איז נאך געווען 'אויפ'ן פאסטען, אין דער ביורא פון א רוסישער עמיגראציע-פירמע אין ווארשא. מיר האבען גערעדט פערשידענס און ס'איז גראד צו-רייד געקומען פון דעם וואס פאר א גוטען מענש מיין איידעם איז. די אלטע קריסטין האט גערעדט וועגען איהם ווי וועגען א אייגען קינד. געלויבט איהם און געבענשט זיין נאמען. איז מיר עפעס אויפגעפאלענד געווארען און ס איז מיר דורכגעלאפען א געדאנק, כ'ווייס אפשר איז זי די אלטע גאר זיין ריכטיגע מאמע. א קשיא אויף א מעשה, וואס אויף דער וועלט קאן אלץ פאסירען היינטיגע צייטען. אז מ'ווייסט נישט פון וואנען ער שטאמט. עפעס איז ער מיין איידעם געצ'מל'עט און אנרופען דעם נאמען פון טאטע-מאמע קאן ער נ'שט, אבער וויל ער נישט? עפעס איז זיין אבשטאמונג איינגעהילט אין א געהיימען שלייער.

בין איך שוין נישט פון דאזיגען געשפרעך אבגעשרעטען און געוואלט ארויסקריגען א איבריג ווארט פון די אלטע קריסטין. האב איך געצויגען דעם שמועס אין וואס מעתר די גויע האט געוואלט רעדען וועגען עפעס אנדערש. נאך מעהר האב איך געצויגען אויף צוריק און איהר געשענקט פאר וואס זי האט אזוי ליעב דעם הערר. און פאר וואס דער הערר האט איהר אזוי האלד.

די אלטע האט קאמבינירט פערשידענע תירוצים אז דאס האט זי איהם ליעב דערפאר, ווייל ער איז א גוטער און וואוילער מענש און בעהאנדעלט איהר זעהר גוט.

— זעהר גוט כ'פערשטעה, אבער פון וואנען נעמט זיך וואס איהר קושט אייך? — האט איך די אלטע צוגעדריקט צו דער וואנד.

— פון וואנען ווייסט איהר, האט איהר דען דאס געזעהן? איז די אלטע געבליבען זיצען בלייך ווי די וואנד.

— כ'האב אליין געזעהען. ערשט מיט א פאר שעה צוריק ווען דער הערר איז נאכמיטאג אוועקגעגאנגען צוריק אין ביורא'האט ער אייך אין קוך געקושט איבער'ן קאפ און איהר האט צוריקגעענטפערט איהם מיט א קוש אויפ'ן שטערן. איהר האט מיך נישט געזעהן, אבער איך אייך יא.

די אלטע האט זיך מעהר גישט געקענט ארויספלאנטערען פון מיין קרייץ-פערהער און מיט א פנים פיל מיט סודות'דיגע ק-ייטשען האט זי גענומען דערצעהלען. צ ם-ערשט האט זי זיך איבערגעצלמ'ט און אונז בעשווארען, אז דאס וואס זי וועט פאר אונז ענטפלעקען זאלען מיר חס וחלילה נישט אויסזאגען אין אפילו מיט א ווארט נאר בעהיט זיך נישט ארויסכאפען פארן הערר,

איך האב אינגאנצען געציטערט און מיינע גערווען האבען אין מיר שיער נישט געפלאצט. כ בין זיכער געווען, אז דער סוד וואס די אלטע וועט דערצעהלען וועט זיין. אז מיין איידעם וועט טאקי זיין איהר זוהן, א אונלעגאל קינד, וואס זי האט געבוירען פון א יוד. ס'האט מיר שוין ווירקליך באנג געטוהן. וואס ב'האב מיט מיינע פראגען ארויסגעפאדערט די אלטע און איהר געצווינגען אויסצוזאגען א סוד, וואס ס'וועט מיר שווער זיין איבערצוטראגען הערענדיג איהם. נאך מעהר האב איך געצאפעלט איבער מיין טאכטער. וואס אזא סוד קאן ווירקן אויף איר זעהר שרעקליך. ס'וועט איהר געוויס א ריס טוהן ביים הארץ ווען זי וועט הערען. אז איהר מאן איז א אונגעזעצליך

# קעלצער אבטיילונג.

## קעלצער פאבריקאנטען קומען מיט הילף די ארבייט'סלאזע

דעם פערגאנגענעם מיטוואך איז ביים ארטיגען סטאראסטע פארגעקומען א קאנפערענץ, געווידמעט די פראגע וועגען שאפען די נויטיגע מיטלען, בכדי כאטש אין א געוויסע מאס צו לינדערען די נויט פון דער ארבייטסלאזע מאסען.

די אנוועזענדע קיעלצער פאבריקאנטען, ווי אויך דער פארשטעהער פון דער ארטיגער עלעקטראווניע, האבען פערשפראכען צו אסיגנירען צו דעם צוועק א ענטשפרעכענדע סומע.

* * *

פון 15 ה. ח. איז טעטיג דער סעקרעטאריאט וועלכער רעיעסטרירט די ארבייטסלאזע, ערטיילענדיג דערביי באנען נאך פערשידענע שפייז-פראדוקטען.

## עהרען-אויסצייכנונג פאר'ן פרעזעס פון שטאדט-ראט

דער פרעזעס פון קיעלצער שטאדט-ראט ה' ערמונד מאסאווסקי, האט פאריגע וואך בעקומען אן עהרען אויסצייכנונג פאר זיין אפפערוויליגע ארבייט און קאמף, למובת דעם נייעם פוילישען שול וועזען.

## א „בית-יעקב"-פארשטעלונג

פאריגע וואך האט די „בית-יעקב"-שולע פעראנשטאלטעט א פארשטעלונג, וועלכע איז אויסגעפאלען א דאנק דעם זעהר רייכען פראגראם אימפאזאנט, ארויסרופענדיג צופרידענהייט און אנערקענונג ביים פערזאמעלטען נאציאנאל-רעליגיעזען עולם.

## אופאדלאשץ פון דער לאדוער האנדעל'ס-באנק ווערט אראבגענומען

ווי מיר דערוויסען זיך פון א בעגלויבטער קוועלע, איז געלונגען צו קומען צו א פערשטענדיגונג צווישען די ענגלישע פינאנסיסטען אין דער לאדזער האנדעל'ס-באנק. צוליב דעם וועט דער אופאדלאשץ די נעכסטע וואכען צוריקגעצויגען ווערען פון דער אויבענדערמאנטער באנק. און ווי נאר ס'וועט געלונגען צו לעזען די פראגע מיט דער. רעגירונג וועגען דער איבערגעלאדענע שטייערן, וועלכע די באנק איז שולדיג דעם מלוכה-אוצר, אין פאזיטיווען זין, קערט די באנק צוריק צו איהר נארמאלער טהעטיגקייט. די רעגולירונג מיט די פריוואט בעליהובות ווערט נעמליך אזוי פאראויסגעזעהן:

די אינהאבער פון די ווקלאד-ביכלען, וועלכע די סומע בעטרעפט ביז 3000 זלאטעס בעקומען גאנצע 100 פראצענט. דאגעגען ביי די יעניגע וועלכע די סומע בעטרעפט מעהר ווי 3000 זל. וועלען נאר בעקומען 50 פראצענט פון דער אלגעמיינער סומע.

צווישען דער ארטיגער בעפעלקערונג אין וועלכע ס'פעהלען נישט קיין קרבנות פון אט דעם באנק-קראך, האט די ידיעה ארויסגערופען גרויס אנזעהען.

## א געהיימניספולער מארד

דעם פערגאנגענעם דינסטאג, איז קעלץ אויפגעציטערט געווארען פון דעם שרעקליכען מארד, וועלכער איז געשעהן אין צענטער פון דער שטאדט.

די איינוואהנער פון דער אלטע-ווארשאווער גאס זענען שפעט ביינאכט אויפגעטרייסעלט געווארען פון די הילכיגע שאסען, און הילפ-כלאזען רופען פון א אונבעקאנטען מענשען, וועלכער איז געלעגען אין א קאלוזשע בלוט.

דער צופעליגער דורכגעהער, א געוויסער ה' בארקאווסקי, האט זיך דערנעהנטערט צום ארט פון דער שרעקליכער פאסירונג, און אנשטויסענדיג זיך אויפ'ן אומגליקליכען, האט ער גערופען א דראזשקע, בכדי איהם אבצופיהרען אין שפיטאל.

אבער, ווען ער האט געפרובט ערפילען זיין מענשליכע פליכט, האט זיך בעוויזען א אונבעקאנטער מענש, וועלכער האט נישט געלאזט דעם הרוג אריינלעגען אויף דער דראזשקע. עס האט זיך צווישען ה' בארקאווסקי און דעם אומבעקאנטען ענטוויקעלט א הייסע געשלעג. צו הילף ה' בארקאווסקי איז געקומען דער איינוואהנער פון יענער גאס ה' כלאווא און זיי ביידע איז ענדליך געלינגען צו ענטוואפענען דעם אונבעקאנטען מענש, און נאר ווי די דראזשקע איז אוועק מיט'ן קרבן צום שפיטאל, איז דער אומבעקאנטער דורך די אויבענדערמאנטע הערן אבגעפירט געווארען אין פאליציי-קאמיסאריאט. אויפ'ן וועג האט ער אפילו געוואלט ענטלויפען, אבער אויף דער שענקעוויטשא גאס, האבען איהם די דינשוירענדע פאליציי-לייט געשמידט אין קייטען און געבראנגט אין דעם פאליציי-קאמיסאריאט. דארט האט ער געגעבען סענסאציאנעלע ערקלערונגען, אבער דאס ווי אויך זיין נאמען ווערען דערווייל געהאלטען שטרענג בסוד.

די גאנצע געשיכטע איז דערווייל איינגעהילט אין א שלייער פון געהיימניס. ווי עס געהען אומפערגעשטעלטע קלאנגען, זאל דער מארד טראגען א פאליטישען כאראקטער.

אין דער לעצטער מינוט דערוויסען מיר זיך, אז עס איז געלונגען פעסטצושטעלען דעם נאמען פון קרבן, וועלכער איז היינט געשטארבען און ער הייסט מיכאל בייצוק.

## א סענסאציאנעלער פראצעס

אין די נעכסטע טעג וועט די בעשולדיגונג'ס-באנק אין קעלצער קרייז-געריכט פערנעהמען די שילער פון דער ארטיגער פוילישער שולע, מיטגלידער פון „גרויס-פוילישען לאגער" שוויענצקי, מאטיני, און קרושאקאווסקי.

די אלע ווערען בעשולדיגט אין געהערען צו א רויבער-באנדע. פערהאלטען זענען די לעצטע געווארען מיט א צייט צוריק, ווען זיי האבען זיך אריינגעקומען אין דעם גימנאזיום, ארויס'גנב'דיג צווישען אנדערע חפצים אויך געוועהר.

דער פראצעס האט ארויסגערופען א קאלאסאלען איינדריק נישט נאר אין קעלץ, וואו די עלטערען זייערע, אגב גאנץ אנגעזעהענע, ארטיגע בירגער וואהנען, נאר אויך אין גאנץ פוילען.

ווי מיר דערוויסען זיך, קומען פון אלע עקען פוילען צייטונג'ס-קארעספאנדענטען, בכדי בייצוואהנען דעם פראצעס פון די ענדעקישע שילער.

## א משוגעים-הויז אין קיעלץ.

מיט א צייט צוריק, איז ענטשטאנען א קאנצעפציע וועגען בויען א משוגעים-הויז אין קיעלץ צוליעב אבער, וואס ס'איז שווער געוועזען צו בעקומען א פאסענדער פלאץ איז דער פלאן אבגעלעגט געווארען. איצט ווען די קאשארען ווערען איבערגעטראגען אויף א ניי ארט נעבען דעם סטאדיאן, איז דער געדאנק צוריק אקטועל געווארען. און ווי ס'איז פאראויסגעזעהן וועט דער פלאן אין קורצען רעאליזירט ווערען און געפינען וועט עס זיך טאקי אין דער אלטער געביידע פון די קאשארען.

דאס האט נאך קיעלץ געפעהלט.

## דער רעזולטאט פון די וואהלען צו דער 5-טער אלפוילישער רעוויזיאניסטישער קאנפערענץ

דעם פערגאנגענעם זונטאג זענען פארגעקומען די וואהלען, צום 5-טען רעוויז. צוזאמענפאהר, וועלכער קומט פאר אין ווארשא אין די טעג פון 27-28-29 ה. ח, געוועהלט זענען געווארען די ה"ה. ל. קאפפ און י. דזיאלאווסקי.

## מעלדונג פון רעדאקציע

מיר זענען מודיע אונזערע ג. לעזער אין קעלץ אז די קעלצער אבטיילונג האט איבערגענומען ה' ל. קאפף. וועגען אלע אדמיניסטראציע-זאכען ווי אנאנסען, גראטולאציעס א. ד. גל. קאן מען זיך ווענדען אין דער יודישער ביבליאטעק (ווסאלע 16)

אונזער אינקאסענט איז ה' וו. ציטמאן. מיר בעטען אונזערע ג. אבאנאמענטען און אנאנסען געבער צו רעגולירען זייערע חובות, אזוי די יעצטיגע ווי אויך די פערלענגע. אין געגענפאל וועלען מיר זיין געצווינגען, צו פערעפענטליכען די נעמען פון די, וואס האבען ערהאלטען צייטונגען, אדער געדרוקט אנאנסען פאר וועלכע זיי ווילען נישט בעצאהלען און פערלאנגען די רעדאקציע זאל זיי שענקען. די דאזיגע התראה גיבען מיר צום לעצטען מאהל.

רעד. און אדמינ.

„ראדאמער-קעלצער לעבען"

# פון דער קאָאָפּ. האַנדווערקער-באַנק אין ראַדאָם.

און צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע ארויסטרעטונגען פון פערשידענע אונגעווינשענע עלעמענטען, וועלכע האָבען זיך ערלויבט אויפ׳ן אדרעס פון האַנדווערקער-באַנק פערשידענאַרטיגעס און האָבען אזוי נאָך געוואָלט די באַנק צו גרונד ברענגען אויף אַזוי ווייט אז זיי זענען ספּעציעל ארומגעגאַנגען צו קליענטען אָניט־רען ארויסצונעמען די אקלאַדען און גישט אריינצוגעבען די אינקאַסע, - איז טראָץ דעם וואָס זייער שווערע מיה האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען איז אויף איינע פון די לעצטע זיצונגען פון ראט און פערוואלטונג בעשלאָסען געוואָרען גישט אָבצושטעלען זיך פאר קיין שום אָגיטאַציאָרען און צו פיהרען א ווייטערע אינטענסיווע טעטיגקייט. צו דעם צוועק איז געוועהלט געוואָרען א ספּעציעלער קאָמיטעט פון 5 פערזאָהן פון ראט און פערוואלטונג וועלכע גאראנטירען פאר דער פּינקטליכער אויסצאָהלונג פון דער אינקאַסע אין זעלבען טאָג פון צאָהלונג, פאר וועלכע די קליענטען קאָנען זיין פאָלקאָם רוהיג.


## בעקאַנטמאַכונג.

די געזעל. „לינת-הצדק“ מאכט בעקאַנט אז זונטאָג דעם 27 דעצעמבער 6 אָוו. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל (רווינסקא 1) די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

אין פאַל פון נישט קומען קיין גענוגענדע צאָל מיטגלידער וועט די זעלבע פערזאַמלונג פאָרקומען אין 2-טען טערמין 7 אזייגער און וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאָהל מיטגלידער.



## אַ קוואַליפיצירטער ערפאַהרענער.

בוכהאַלטער. מיט א לאַנגיעהריגע פראַקטיק אויפן געביט פון באַנק וועזען. ביורא ארבייט אין שטייער - ענינים — האָט פרייע שעה׳ען נאָך מיטאָג, נעמט אָן פאַר ביליגע פרייזען אלערארט בוכפיהרונג ווי איטאַלעניש־ע אמעריקאַנישע און שווייצארישע (קאַרטאָ - טעקעס) ענטשפּרעכענד פאר יעדען מין אינדוסטריעלער און געשעפטליכע אינטערנעהמונג.

ווענדען און פערזענליכע פערשטענדיגונג לויט פאָלגענדען אדרעס:

**Słowackiego 43 m 5.**

פון 4 — 10 אָוענד אָדער טעלעפאָניש 1511 פון 9 — 3 נ. מ.



# בריטיגא פּעקער אינקאַסענט

ווענדען זיך:

אין אדמיניסטראציע

פון ראדאמער קעלצער-לעבען



Kino „Corso“ Rewja

Na Scenie

Dajmy sobie buzi

— ס׳ווערט דעמאָנסטרירט דאָס בילד —

*Arcyksiąże Habsburg*



*Kino Dźwiękowe* „CZARY“

— — — עס ווערט דעמאָנסטרירט דער שלאַגער פילם. — — —

MEKSYKANKA

— Nad — program

„*Biuro Rozwodowe*“



# געבּרעכטע און קריפּלען



## נוצט אויס די געלעגנהייט!

נאָר אויף א קורצע צייט איז געקומען קיין ראדאָם דער בערימטער ספּעציאַליסט קינסטלער-אָרטאָפּעד

ה׳ ד״ר. ראַפּאַפּאָרט פון לעמבערג

און וועט אויפנעמען נאר 8 טעג

ביז דאָנערשטאָג אָוונד דעם 31 דעצעמבער

אין האָטעל איראָפּעיסקי

## ראַטעוועט אייער געזונט כל זמן ס׳איז נאָך צייט!

פערנאַכלעסיגט נישט דעם ברוך, ווייל די פאָלגען זענען זעהר ביטער, פאר דעם לעבען העכסט געפעהרליך, ווייל עס דראָהט א געדערמע-פערדרעהונג און מען קען בראנדיג ווערען... רעטונג, הילף און רפואה פאר ברוכקראַנקע מענער, פרויען און קינדער אָהן בלוטיגע אָפּעראציעס! איך געהם אויף נעברעכטע לייסטענברוך, וואָס פאלען אריין אין כיס (אייער-בייטעל), גאַפּעלברוכן, געבערמוטערברוכען, הענגבויך און מיר העלפען די קראנקע מיט אונזערע נייעסטע ספּעציעלע הייל-באַנדאַזשען לויט אונזער נייעסטע מעטאָדע וועלכע האַלטען די גרעסטע און שווערסטע ברוכען צוריק, אויף פערקריפּטע פלייצעס (הויקערס) און אלערליי פערקרימונגען און פיס-פערקריפּלונגען.

הייל-אפּאראטען נאָכ׳ן סיסטעם פון פּראָפעסאָר ד״ר. האפּפא און העססינג

אָרטאָפּעד ה׳ ד״ר. ראַפּאַפּאָרט פון לעמבערג

איז צום ערשטען מאָל אין ראדאָם.

צאָהלרייכע דאנקזאָגונגען פון געהיילטע רבנים און צדיקים און אנערקענונגען פון גרעסטע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען.


## דאנקזאָגונג.

דערמיט, דריקען מיר אויס א דאנק אלע חברים-ות וועלכע, האָבען מיט זייער אקטיווער בעטייליגונג מיטגעהאָלפען דעם ערפאָלג פון א״י-באַזאַר אין קיעלץ. און בפרט דריקען מיר אויס אנערקענונג דעם ה׳ פ י ו ק א פאר זיין אונערמידליכע ארבייט.

אין נאָמען פון דאָרטיגען ק. ק. ל. קאָמיטעט.

מורשה: ג. פּריס.

מזכיר: וו. קראקאָווסקי

## אכטונג ראדאָמער סוחרים!

מיר מאכען אייך נאָך אמאָהל אויפמערקזאַם אז זונטאָג דע ב27 גרודיען 6 אזייגער אָוו. קומט פאָר די

**אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג** פון סוחרים-פעראיין

דער בעריכט פון דער טהעטיגקייט פון פערגאנגענעם יאָהר. אויך וואהלען פון ראט און פערוואלטונג צום נייעם יאָהר.

דעריבער קומט מאַסענווייז. מיר בעטען אויך דעם מיטגלידער-אָבצאָהל צו ערלעדיגען ביז ז ו נ ט א ג דעם 27|12, דען לויט׳ן רעגולאמין פון סוחרים-פעראיין פערלירען מיטגלידער, וואָס צאָהלען נישט רעגולער זייער מיטגליר אָבצאָהל זייער וואהל-רעכט. מיט אכטונג.

סוחרים-פעראיין אין ראדאָם.


Tylko $^3/_4$ % od obrotu płacić będą kupcy w r. 1932.

prowadzący **księgi handlowe**

**Prowadzenie ksiąg ustawowo**

(w/g ostatnich przepisów o państwowym podatku obrotowym i dochodowym) od Zł. 40 miesięcznie.

Zgłoszenia: Marjacka 2 m. 9 od 10—12, 2—4


Redaktor Ch. M. Herc

Druk Wyd „Radomer-Kielcer Leben, Radom Szwarlikowska 20